# נוצן Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*

[ESPAÑOL]

**וואס איז Excelsior Pass?**

Excelsior Pass איז אן אומזיסטע, פרייוויליגע פלאטפארם וואס שטעלט צו פאר אינטערעסירטע ניו יארקער פארזיכערטע, דיגיטאלע באווייז פון COVID-19 וואקסינאציע אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן. עס זענען יעצט דא דריי סארטן Passes:

- Excelsior Vaccination Pass (עקסעלסיור וואקסינאציע פאס) (אוועילעבל 15 טעג נאך די לעצטע דאזע פונעם וואקסין איז געגעבן געווארן; גילטיג פאר 365 טעג)
- Excelsior PCR Pass (עקסעלסיור PCR פאס) (גילטיג ביז מיטן נאכט אויפן דריטן טאג נאך א טעסט)
- Excelsior Antigen Pass (עקסעלסיור אנטיגען פאס) (גילטיג פאר 6 שטונדן פון די צייט פונעם טעסט)

**אין דער צייט, טוט אן Excelsior Vaccination Pass נאר אריינרעכענען א מענטש'ס ערשטע וואקסין סעריע. עס רעכנט נישט אריין א מענטש'ס בוסטער דאזע און/אדער צוגעלייגטע דאזע. אבער, פון נאוועמבער 8, קענען ניו יארקער וואס האבן באקומען א בוסטער אדער צוגעלייגטע דאזע פונעם COVID-19 וואקסין באקומען זייער Exclesior Vaccination Pass *Plus* - וואס, אלס א פארזיכערטע קאפיע פון א מענטש'ס וואקסינאציע באריכט- רעכנט אריין אלע COVID-19 דאזעס באקומען ביז יענע דאטום. אויב איר האט שוין פריער באקומען אייער Excelsior Vaccination Pass *Plus* פאר דער אפדעיט איז געמאכט געווארן, באזוכט epass.ny.gov צו באקומען א נייע Excelsior Vaccination Pass Plus סיי ווען. נאכן נאוועמבער 8 אפדעיט, קענען ניו יארקער ערווארטן זייער בוסטער אדער צוגעלייגטע דאזעס צו זיין אוועילעבל 3-4 טעג נאכדעם וואס זיי האבן באקומען זייער בוסטער אדער צוגעלייגטע דאזע.**

פאר מער אינפארמאציע אויף Excelsior Pass, ביטע באזוכט די[Excelsior Pass FAQ]'ס.

**וואס איז Excelsior Pass *Plus*?**

Excelsior Pass *Plus* איז אויך אן אומזיסטע, פרייוויליגע פלאטפארם און שטעלט צו אינטערעסירטע ניו יארקערס מיט א פארזיכערטע, דיגיטאלע קאפיע פון זייער COVID-19 וואקסינאציע רעקארד אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן.

א Excelsior Vaccination Pass *Plus* שטעלט צו פאר מענטשן זיכערע צוטריט צו זייער וואקסינאציע רעקארד, און דערפאר, האט עס נישט קיין אויסלויף דאטום. עס ענטהאלט וואקסין סארט, ארט, און דאטום פון אייער וואקסינאציע, פונקט ווי א CDC וואקסינאציע קארטל (Centers for Disease Control and Prevention, CDC) (CDC Vaccination Card).

אן Excelsior PCR אדער Antigen Pass *Plus* שטעלט צו פאר מענטשן פארזיכערטע צוטריט צו זייער נעגאטיווע COVID-19 טעסט אינפארמאציע און ענטהאלט טעסט דאטום, צייט, סארט, רעזולטאט, פלאץ, LOINC קאוד, און דיסקריפטער, פונקט ווי אפיציעלע לאבראטאריע רעזולטאטן.

עס זענען יעצט דא דריי סארטן Excelsior Pass *Plus*:

- Excelsior Vaccination Pass *Plus* (אוועילעבל 15 טעג נאך די לעצטע דאזע פונעם וואקסין איז געגעבן געווארן; אלס א דיגיטאלע קאפיע פון אן אינדיווידועלע וואַקסינאציע רעקארד, עס האט נישט קיין אפלויף דאטום.)
  - פון נאוועמבער 8, וועלן אלע Excelsior Vaccination Pass *Pluses* וואס ווערן ארויסגענומען דורך מענטשן וואס האבן באקומען א בוסטער אדער צוגעלייגטע דאזע פונעם COVID-19 וואקסין באקומען, ענטהאלטן די אינפארמאציע אויף זייער Excelsior Vaccination Pass *Plus* (אוועילעבל 3-4 טעג נאך א מענטש'ס דאזע, עס איז נישט דא קיין אפלויף דאטום).
- Excelsior PCR Pass *Plus* (גילטיג ביז מיטן נאכט אויפן דריטן טאג נאך א טעסט)
- Excelsior Antigen Pass *Plus* (גילטיג פאר 6 שטונדן פון די צייט פונעם טעסט)

Excelsior Pass *Plus* איז געבויעט נוצנדיג[SMART Health Cards Framework] און באדינגונגען, אנטוויקלט אינאיינעם מיט [VCI]. [VCI] איז א פרייוויליגע צאמשטעל פון 800 פובליק און פריוואטע ארגאניזאציעס וואס זענען איבערגעגעבן צו העלפן מענטשן האבן צוטריט צו א פארלעסליכע און באשטעטיגטע קאפיע פון זייער וואקסינאציע רעקארדס אדער לאבראטאריע רעזולטאטן אין דיגיטאלע אדער פאפירענע פארעם נוצנדיג אפענע, נוצבארע סטאנדארטן.

**פון נאוועמבער 8, קענען ניו יארקער וואס האבן באקומען א בוסטער אדער צוגעלייגטע דאזע פונעם COVID-19 וואקסין באקומען זייער Exclesior Vaccination Pass *Plus* - וואס איז א פארזיכערטע קאפיע פון א מענטש'ס וואקסיאנציע באריכט - אריירעכבנען אלע COVID-19 דאזעס באקומען ביז יענע דאטום. אויב איר האט שוין פריער באקומען אייער Excelsior Vaccination Pass *Plus* פאר דער אפדעיט איז געמאכט געווארן, באזוכט [epass.ny.gov] צו באקומען א נייע Excelsior Vaccination Pass *Plus* סיי ווען.**

פאר מער אינפארמאציע אויף Excelsior Pass *Plus*, ביטע באזוכט[Excelsior Pass *Plus* FAQs].

# נוצן Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*

### נוצן Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus* 'ווי-אזוי צו' וועגווייזער פאר ביזנעסער

די וועגווייזער פאר ביזנעסער איז א "וויאזוי-צו וועגווייזער" פאר ביזנעסער און ארגאניזירער וואס זוכן צו אריינברענגען Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*.

['ווי-אזוי צו' וועגווייזער פאר ביזנעסער]

### וויאזוי קען מיין ארגאניזאציע זיך באנוצן מיט Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*?

אייער ארגאניזאציע קען שוין אנהויבן אננעמען Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass Plus דורך דאונלאודן די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ פון די [Apple App Store] אדער [Google Play Store] און אויספילן א קורצע רעגיסטראציע פארם. פון אקטאבער 1, 2021, איז די NYS Excelsior Pass Scanner App אפדעיטעד צו ערמעגליכן דאס באשטעטיגן פון [SMART Health Cards] פון געטרויעטע ארויסגעבערס אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט-אזוי ווי פאסן באזירט אויף פעדעראלע און סטעיט COVID-19 אנווייזונגען.

אייער ארגאניזאציע וועט זיין פאראנטווארטליך צו סקענען אן אינדיווידועל'ס Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* און נאר ערלויבן אייננטריט צו אייער עסטאבלישמענט פאר די מיט א גילטיגע Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* אדער אנדערע פארמען פון באווייזן פון COVID-19 וואקסינאציע אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן, אין איינקלאנג מיט די ניו יארק סטעיט ווידער עפענונג אנווייזונגען פאר אייער אינדוסטריע. אייער ארגאניזאציע איז פארלאנגט צו באשטעטיגן אידענטיפיקאציע פאר ערוואקסענע אין עלטער פון 18+ מיט א בילד ID וואס האט די אינדיווידיועל'ס נאמען און דאטום פון געבורט.

וויבאלד א מענטש איז אריינגעלאזט אין אייער עסטאבלישמענט, ביטע דערמאנט זיי צו אויספאלגן סיי וועלכע געזונטהייט אנווייזונגען וואס זענען אין קראפט.

### וואס מיינט עס צו זיין א געטרויעטע ארויסגעבער?

די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ באשטעטיגט פאסן פון געטרויעטע SMART Health Card ארויסגעבערס דורכאויס די לאנד וואס קומען נאך ניו יארק סטעיט'ס סטאנדארטן פון ארויסגעבן, באזירט אויף פעדעראלע און סטעיט COVID-19 פובליק העלט אנווייזונגען. דורך די Scanner עפפ'ס אנווייזונגען מאטאר, רעכנט דאס אריין דעם סארט וואקסין, וואס עס מיינט גענצליך וואקסינירט, א געטריישאפט צו צוגענגליכקייט דורך פרינט און דיגיטאלע פארמאטן, און די שוץ פון א מענטש'ס געזונטהייט אינפארמאציע. ביטע באמערקט, דער ציל פונעם עפפ איז בלויז צו באשטעטיגן פאסן פון געטרויעטע ארויסגעבערס פאר באוויז פון וואקסינאציע, און/אדער נעגאטיווע COVID-19 טעסט רעזולטאטן פאר ביזנעס איינטריט קעגן דעם געבוי. ניו יארק סטעיט איז נישט פאראנטווארטליך פאר די אינפארמאציע פון פאסן וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט.

**וויאזוי קענען מיינע קונדן זיך באנוצן מיט Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*?**

בארעכטיגטע קונדן קענען באקומען א Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* דורך באזוכן די Excelsior Pass Web Portal אדער פון די NYS Excelsior Pass Wallet עפפ. די NYS Excelsior Pass Wallet עפפ קען ווערן דאונלאודעד אומזיסט פון די Apple App Store און Google Play Store דורך סיי וועלכע אינטערעסירטע ארגאניזאציע, ביזנעס, אדער וועניו איבערן לאנד. קונדן קענען דרוקן זייערע Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* אדער עס פארשטעלן אויף זייער סמארטפאון.

**איז מיין ארגאניזאציע פארלאנגט צו נוצן Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*?**

ניין, אנטיילנעמונג איז פרייוויליג.

**וויפיל קאסט צו נוצן Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*?**

אנטיילנעמונג אין Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus*, אריינגערעכנט די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ, איז אומזיסט. אלס טייל פון ניו יארק סטעיט'ס געטריישאפט צו אייניגקייט און צוטריט, קענען ארגאניזאציעס און ביזנעסער דורכאויס די לאנד דאונלאודן די Scanner עפפ פריי פון אפצאל צו באשטעטיגן אייטריט.

**דארף איך זיין א ניו יארק ארגאניזאציע, ביזנעס אדער וועניו צו דאונלאודן די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ?**

ניין. סיי וועלכע ארגאניזאציע, ביזנעס, אדער וועניו איבערן לאנד קען דאונלאוד'ן און נוצן די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ אומזיסט. די Scanner עפפ באשטעטיגט פאסן וואס ווערן ארויסגעגעבן דורך געטרויעטע SMART Health Card ארויסגעבערס וואס קומען נאך די ניו יארק סטעיט'ס סטאנדארטן אלס טייל פון זייער געטרויעטע ארויסגעבער געבוי, וואס איז באזירט אויף פעדעראלע און סטעיט COVID-19 פובליק העלט אנווייזונגען.

**וואו זאל מיין ארגאניזאציע זאגן פאר קונדן צו גיין פאר מער אינפארמאציע איבער Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*?**

מער אינפארמאציע איבער Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* איז אוועילעבל אויף די Excelsior Pass וועבסייט. אינדיווידועלן קענען אויך באזוכן די איבערגעגעבענע Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus* FAQs בלעטער.

נעקסטע חלק

# סקענען Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*

**די פאלגנדע פראגעס ברענגען ארויס סקענען אינפארמאציע פאר ארגאניזאציעס נוצנדיג די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ.**

**איז מיין ארגאניזאציע פארלאנגט צו נוצן די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ?**

אנטיילנעמונג אין Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* איז אומזיסט און פרייוויליג. אויב אייער ארגאניזאציע באשליסט צו אנטיילנעמען, קענט איר נוצן די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ צו סקענען א אינדיווידועל'ס Excelsior Pass און/אדער א אינדיווידועל'ס Excelsior Pass *Plus* און\אדער SMART Health Card Pass פון א געטרויעטע ארויסגעבער.

**וואס טו איך ווען איך סקען איינעם'ס Excelsior Pass אדער Excelsior Pass *Plus*?**

ווען איר סקענט אן אינדיווידועל'ס Pass זענט איר פארלאנגט צו באשטעטיגן אידענטיפיקאציע פאר ערוואקסענע אין עלטער פון 18+ מיט א בילד ID וואס האט די אינדיווידיועל'ס נאמען און דאטום פון געבורט.

אין איינקלאנג מיט סטעיט ווידער עפענונג אנווייזונגען, אויב עס איז נישט דא א בילד ID אדער די Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* און\אדער SMART Health Card ארויסגעגעבן דורך א געטרויעטע ארויסגעבער פאסט נישט צו א בילד ID, זאל מען נישט ערלויבן אריינטריט.

ערוואקסענע קענען האלטן אן Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט.

**וואס זאל איך טוען אויב עפעס איז נישט ריכטיג מיט די Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* וואס איך האב פראבירט צו סקענען?**

אויב די Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* איז נישט גילטיג, ביטע טיילט מיט די אינדיווידועל די סיבה פארוואס עס איז נישט גילטיג, אזוי ווי עס ערשיינט אין די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ. אויב א Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* איז אויסגעלאפן, ביטע לאזט וויסן פאר'ן אינדיווידועל און בעט זיי צו באשטעטיגן אז זיי ווייזן די ריכטיגע פאס.

אויב איר קענט נישט בארעכטיגן א Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus*, קענט איר אננעמען אן אנדערע פארם פון באווייז פון COVID-19 וואקסינאציע אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן, אזוי ווי א פאפירענע CDC וואקסינאציע קארטל אדער פאפירענע לאבראטאריע רעזולטאטן.

**איז עס בסדר צו סקענען א Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass פאר מערערע מענטשן אויף איין דעווייס?**

יא, ווי לאנג א בילד ID מיט'ן נאמען און געבורט דאטום איז געוויזן צוזאמען מיט יעדע אייגנארטיגע Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass פאר ערוואקסענע 18 יאר און עלטער. ערוואקסענע קענען האלטן אן Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass פאר קינדער אונטער 18 יאר אלט.

**איינער האט א גילטיגע Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass, אדער אנדערע SMART Health Card פון א געטרויעטע ארויסגעבער אבער האט נישט קיין בילד ID מיט זיך; וואס טוה איך?**

אין איינקלאנג מיט סטעיט ווידער עפענונג אנווייזונגען, אויב אידענטיטעט באשטעטיגונג איז נישט מעגליך, זאל מען נישט ערלויבן אריינטריט.

**נעקסטע חלק**

# צוטריט

**קענען מיינע קונדן נוצן Excelsior Pass און *Plus* Excelsior Pass אויב זיי האבן נישט קיין צוטריט צו א סמארטפאן?**

אנטייל נעמען אין Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass איז פרייוויליג און איז געמאכט צו אריינרעכענען אלע ניו יארקער, אפגעזען פון זייער צוטריט צו א סמארטפאן. איר קענט גרינגערהייט ארויסדרוקן א Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass דורך דער[Excelsior Pass Web Portal](Excelsior Pass Web Portal).

קונדן קענען אויך ציינן פאר אייער ארגאניזאציע אן אנדערע פארם פון באווייז פון COVID-19 וואקסינאציע אדער נעגאטיווע טעסט רעזולטאטן, אזוי ווי א פאפירענע פארם.

**איז Excelsior Pass און *Plus* Excelsior Pass אוועילעבל אין מערערע שפראכן?**

Excelsior Pass, *Plus* Excelsior Pass, און די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ זענען אוועילעבל אין מער ווי 10 שפראכן אריינגערעכנט ענגליש, ספאניש, כינעזיש (טראדיציאנאל און סימפליפייד), רוסיש, העיטיאן-קרעאל, קאריען, בענגאליש, אראביש, איטאליעניש, פויליש און אידיש.

**איז Excelsior Pass און *Plus* Excelsior Pass צוגענגליך פאר מענטשן וואס האבן מעגליך הער-קראפט אדער זע-קראפט באגרעניצונגען?**

יא. Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass אפליקאציעס זענען אדורך גרונטליכע צוטריט טעסטינג צו פארזיכערן אז זיי זענען גרינג צו נוצן פאר די וואס האבן הער-קראפט אדער זע-קראפט באגרעניצונגען.

# זיכערהייט און פריוואטקייט

**די פאלגנדע פראגעס שילדערן זיכערהייט און פריוואטקייט אינפארמאציע פאר ארגאניזאציעס ניצנדיג די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ.**

### איז די אינפארמאציע וואס איך שטעל צו איבער מיין ארגאניזאציע צו דאונלאוד'ן די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ באשיצט און פארזיכערט?

די אינפארמאציע וואס איר שטעלט צו איבער אייער ארגאניזאציע ווערט געהאלטן אויף א זיכערן אופן און וועט נישט גענוצט ווערן פאר פארקויפונג אדער מארקעטינג צוועקן אדער ווערן מיטגעטיילט מיט א דריטע פארטיי.

### וועלכע אינפארמאציע טוט די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ זאמלען אדער האלטן איבער מיין ארגאניזאציע?

ווען איר רעגיסטירט אייער ארגאניזאציע, וועט איר מיטטיילן אייער ארגאניזאציע נאמען, אינדוסטרי, און די זיפ קאוד וואו איר וועט באשטעטיגן יעדע Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass אויף דעם דעווייס. ווען איר סקענ'ט א Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass, טוט די עפפ זאמלען אנאליטיקס איבער די סארט פאס און די רעזולטאטן פונעם סקען. קיין שום פערזענליכע אינפארמאציע פון Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus* ווערט נישט געזאמלט אדער געהאלטן.

### וועט מיין ארגאניזאציע האבן צוטריט צו מענטשן'ס פערזענליכע אינפארמאציע בשעת'ן סקענ'ען Excelsior Passדייער און/אדער *Plus* Excelsior Pass?

ווען איר סקענט א אינדיווידועל'ס Excelsior Pass און/אדער *Plus* Excelsior Pass און\אדער SMART Health Card פון א געטרויעטע ארויסגעבער דורך די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ, די איינציגסטע אינפארמאציע וואס אייער ארגאניזאציע וועט זען איז די סארט און סטאטוס פונעם פאס, און די באנוצער'ס נאמען און דאטום פון געבורט, כדי עס זאל קענען ווערן איפגעוויזן קעגן א בילד ID.

### טוט די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ טרעקן מיין ארגאניזאציע'ס פלאץ?

ניין. די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ טוט נישט טרעקן אייער ארגאניזאציע'ס פלאץ.

### וואו קען איך ליינען די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ פריוואטקייט פאליסי?

איר קענט ליינען די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ פריוואטקייט פאליסי דורך באזוכן די [NYS Excelsior Pass Scanner עפפ פריוואטקייט וועבפעידזש].

# טעכנישע שטיצע

**וואס זענען די פשוט'ע פאדערונגען פארן נוצן די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ?**

די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ ארבעט מיט סמארטפאונס וואס לויפן אויף +iOS 13.0 אדער +Android 7.0.
די NYS Excelsior Pass Scanner עפפ קען ווערן דאונלאודעד אומזיסט פון די Apple App Store אדער Google Play Store.

**איך קען נישט צוטרעפן וויאזוי צו נוצן די NYS Excelsior Scanner עפפ?** וואס זאל איך טאן?

אויב איר האט פראבלעמען, ביטע קוקט איבער איינע פון אונזערע בייהילפיגע, שריט-ביי-שריט וועגווייזערס:

- NYS Excelsior Pass Scanner עפפ פאר iOS
- NYS Excelsior Pass Scanner עפפ פאר Android

אויב איר האט נאכאלץ שוועריקייטן, קענט איר אויספילן די Excelsior Pass הילף בויגן אדער פארבינדט זיך מיט די Excelsior העלף טישל אויף 844-699-7277 פון 8 am EST ביז 8 pm EST טעגליך.

**וויאזוי געב איך אריין פידבעק איבער Excelsior Pass און Excelsior Pass *Plus*?**

אויב האט איר סיי וועלכע פידבעק וועגן Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus*; ביטע טיילט עס מיט דורך אונזער שטיצע בויגן.

**נעקסטע חלק**

# אויפקלערונגס צוגעהערן

**וויאזוי קען מיין ביזנעס אדער ארגאניזאציע צייגן פאר קונדן אז מיר נעמען אן Excelsior Pass און Excelsior *Pass Plus*?**

איר קענט זיך באנוצן מיט דאונלאודעבל צוגעהערן צו צייגן אז אייער ביזנעס אדער ארגאניזאציע נעמט אן Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus*. דאס רעכנט אריין פלוגבלעטלעך, שילדן, און דיגיטאלע צוגעהערן צו העלפן אינפארמירן און שטיצן קונדן צו באקומען Excelsior Pass און/אדער Excelsior Pass *Plus*.

זעהט אויפקלערונגס צוגעהערן